פרשת שלח

פרקי אבות - פרק שני

שנה ג' - גליון קט"ז

ט"ז סיון שנת תשעא לפ"ק

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:

סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

הדלקת הנרות
8:14
זמן מוצאי שבת
9:42

סוף זמן קריאת שמע 8:34

## דער זומער פראגראם!

מיט גרויס פרייד טוהן מיר מעלדן די אויסגאנג פון דעם זומער פראגראם פראגע. ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט מיט גאר א שטארקע מערהייט אז די עלטערן זענען גאר שטארק דאנקבאר פאר דעם פלאן פון מאכן דעם חדר לענגער און האלטן די קינדער מער שעה'ן אין די זומער וואכן, אין די ראמען פון תלמוד תורה. מיט א רייכן פראגראם און גאר א געשמאקן סדר היום פאר די קינדער'לעך. ספעציעל האבן עלטערן שטארק הנאה געהאט אז מען לאזט הערן זייער מיינונג איבער דעם ענין, און טאקע דאס האט געמאכט דעם באשלוס.

**דער אויסגאנג** איז געווען ווי פאלגענד: 263 זענען צופרידן פונעם פלאן. 29 נישט קיין חילוק, ווי אזוי מען וועט באשלוסן וועט זיין גוט. 37 מען זאל גארנישט טוישן. הערנדיג די מיינונגען איז טיילווייז ארויסגעברענגט געווארן פון עטליכע עלטערן אז דער פלאן געפעלט זיי זייער גוט נאר אפשר איז דאס אביסל צו לאנג. עס איז נישט ריכטיג אויב די קינדער וועלן אהיים קומען זייער מיד און אויסגעמוטשעט. איז די הנהלה נאכאמאל געזעצן און איבערגעאנגען פון אלע זייטן אז עס זאל זיך אויסארבייטן עצהיו"ט און דאס אביסל פארענדערט צו די געשמאק פון די קינדער און צופרידענהייט פון די עלטערן און מיר האפן אז דאס וועט זיין לתועלת פאר די קינדער און לטובת די עלטערן צו די הנאה פון אלע תלמידים בעז"ה.

**דער באשלוס:** קינדערגארטן - נוירסערי וועלן האבן חדר במשך די זומער וואכן ביז 3:30, די באסעס וועלן זיין ביים ערשטן סטאפ בערך 3:40 בעז"ה. (ד.מ. כמעט 1 שעה לענגער ווי א גאנץ יאר.) פונקטליכע דעטאלן פון דעם סדר היום וועט אי"ה נאכפאלגן.

**טויש אין פרייז:** אזוי ווי דער זמן איז אביסל ווייניגער וועט דאס קאסטן ווייניגער ווי פאלגענד: $120 פאר א גאנץ זומער, $60 פאר א האלבע זומער, $15 א וואך.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז עס איז נאר א פראבע אויף דעם יאר.

ביי די געלעגענהייט ווילן מיר זיך אנטשולדיגן פאר דעם וואס איז געשטאנען אין דעם "קול המוסדות" פון שבועות איבער דעם ענין. עס איז געווען מיספארשטענדעניש פון אפיס, עס האט גארנישט געהאט מיט דעם אויסגאנג פון די עלטערן וואס איז ערשט קלאר געווארן די וואך ביי אונז אין חדר.

מיר האפן אז די קינדער מיט די עלטערן וועלן שטארק הנאה האבן פון דעם זומער חדר ווי עס איז צוגעשטעלט א גאר רייכע פראגראם מיט א ספעציעלן סדר היום, הערליכע שיינע לימודים - ניגונים - אקטיוויטעטן - און נאך.

מיט פרייד טוהן מיר מעלדן אז מען ארבייט גאר פלייסיג יעצט בעפאר דעם זומער מען זאל קענען אוועקשטעלן די "זומער סוויימינ"ג פול"ס אויף דעם "נייעם דאך" ווי עס וועט טאקע זיין א גוטן סדר אויף שווימען אין זמן פון חדר בעז"ה. **"א זומער צום געדענקען בעז"ה"**

## אונזערע גרויסע טרויבן!

**קינדערגארטן:** די וואך ווען מיין רבי האט פארציילט די מעשה פון די מרגלים ווי דער יצר הרע איז געווארן זייער חבר און אזוי האבן זיי גערעדט "לשון הרע" אויף "ארץ ישראל" און אויף די גרויסע פרוכט. מיר האבן אויך געמאכט די גרויסע פרוכט אין חדר אזוי גרויס און שווער אז אכט קינדער האבן דאס געדארפט טראגן. 2 שטעקעלעס מיט די ריזיגע טרויבן האבן מיר ארום געפירט. מיר האבן דאס אליינס געזעהן. אבער מיר ווייסן זייער גוט אז קיין לשון הרע טאר מען נישט רעדן.

די טרויבן פון די מרגלים ביי אונז אין חדר



## א"ב חזרה!

**קינדערגארטן:** מיט א פלייסיגקייט האבן מיר אנגעהויבן חזרה אויף אלע א"ב, מיין רבי האט אונז שוין געוויזן דעם נייעם חזרה ביכל ווי מיר האבן געזעהן אסאך אינטערעסאנטע זאכן וואס מען וועט טוהן מיט די א"ב כדי עס זאל זיך איינקריצן אין מיין קעפעלע, יעדן טאג טוהן מיר איבער'חזר'ן און איבער לערנען די אותיות מיט א פרישקייט און אינטערעסאנטקייט.

### מעסעדזש פאר די עלטערן וועגן די א"ב חזרה:

**עס מיינט טאקע נישט** אז מען דארף לייגן ספעציעלע דרוק אויף די קינדער און זיי פארהערן. נאר וואס דען? איר קענט אסאך צוהעלפן מיטן איבער גיין רואיג מיט אייער קינד די א"ב כסדרן יעדן טאג א 5 מינוט, מיטן זאגן מיט איהם די א"ב אויף א געשמאקן וועג. עס איז נישט כדאי איבער צו גיין די א"ב אויף א געמישטן סדר דאס פעלט נישט אויס איר קענט גיין אביסל צוריק צו וועגס. "מיטזאגן" מיט זיי איז נישט קיין פעלער אזוי גייט דאס גרינגער אבער זיכער נישט פארהערן. מיר האפן אז איר וועט פארשטיין לתועלת פון אייער קינד. אז די קינדער ווייסן די אותיות איז דאס אביסל גרינגער פאר זיי פארן קומענדיגן יאר.



די לייבן גרוב ביי אונז אין חדר וואס מיר האבן צוזאם געשטעלט



**נוירסערי – פרי קינדערגארטן:** די וואך האט מיין רבי זייער שיין פארציילט **די מעשה פון די צדיק און לייבן גרוב.** ווי שטארק דער צדיק האט געוואלט לערנען די הייליגע תורה אפילו ער האט געקענט באקומען אזוי פיל געלד און זילבער דאך איז בעסער צו לערנען די הייליגע תורה. ווען מען האט אריינגעווארפן דעם צדיק און לייבן גרוב האבן די חיות גארנישט געטשעפעט דעם גרויסן צדיק מיר האבן געמאכט אזא שיינע לייבן גרוב אויך האבן מיר געזעהן אן אויפגעשטעלטן לייבן גרוב ממש ווי עכט. ווי דער צדיק זיצט און לערנט און האט גארנישט מורא נאר פונעם הייליגן בורא. פון די מעשה לערנען מיר זיך גוט אז לערנען די הייליגע תורה איז די בעסטע זאך.

## חכמה'לעך!

**פרי ק"ג:** ווען שמואלי'ס ברודער האט איהם געזאגט ער זאל נישט ליגן אויפן פלאהר ווייל עס קען גיין לייז אויף זיין פיאות, האט ער געזאגט: אז איינמאל אין זיין חדר איז געווען א פיקטשער פון לייז וואס איז געגאנגען נאר אויף די גוים...

**נוירסערי:** שבועות ביים טיש ווען מען האט געפרעגט שמחה'לע ווער נאך האט א תורה האט ער געשריגן איך! איך! און האט שנעל אריינגעברענגט זיין קליק'ס תורה'לע.

**נוירסערי:** ווען די מאמע האט געגעבן פאר אברהם חיים'ל א "בַאר" האט ער געזאגט ער האט א קליינע "באר"ג סיני"!! און האט דאס געהאלטן מיטן שפיץ ארויף...

**פרי ק"ג:** יחזקא'לע האט געפרעגט ווי אזוי דער צדיק ר' חיים קען ארויסקומען פון לייבן גרוב ער בלייבט דאך צוגעדעקט מיטן באטל?...

**פרי ק"ג:** ווען דער רבי האט פארציילט די מעשה פון דעם צדיק "רבי חיים אין לייבן גרוב" און געפרעגט ווער ווייסט וואס איז דאס "דזשולערי"? האט ער צומארגנס געברענגט פון זיין טוי באקס זיין פלעסטיק טוי זייגער און געזאגט "איך האב אויך דזשולערי"...

# מזל טוב וואונטשן

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**וואלף ב"ר חיים ברוך מרדכי גאלדבערגער ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אשר אנשיל ב"ר יוסף נטע טעללער ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' פאגעל שליט"א און ר' שמואל ברוך קאהן שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יונתן בנימין ב"ר הילל קליין ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יצחק אליעזר יאקאב שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יודא אשר ב"ר יואל יצחק ראטה ני"ו**
לכבוד זיין אריבערציען אין די נייע הויז
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יעקב ב"ר אברהם יצחק מאשקאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יואל ב"ר הילל קליין ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יואל אפרים ב"ר משה אשר שטעסל ני"ו**
לכבוד זיין ברודערס בר מצוה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי משה נח גאלדשטיין שליט"א און יעקב מאיר סרוגא שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**מענדל מאיר ב"ר אברהם הערש שעהר ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי דוד ווערטהיימער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**חיים מאיר ב"ר שלמה יואל מאשקאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי דוד שמואל גאלדבערגער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**טובי' ליפא ב"ר משה סטרולאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**הערש לייב ב"ר יואל ב"ר שמשון ראזענבערג ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי דוד ווערטהיימער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**נחום מרדכי ב"ר יואל יאקאבאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל וואלף שווארטץ שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**מנחם ישראל ב"ר בעריש ליכטמאן ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן אום ל"ג בעומר
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**דוד יוסף זאב ב"ר בעריש ליכטמאן ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי שמואל אברהם גרינפעלד שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**נפתלי הירצקא ב"ר מאיר משה מאשקאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל וואלף שווארטץ שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**דוד יואל ב"ר יודא נתנאל מאשער ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יושע מאיר ווייזער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**הערשל ב"ר מרדכי דוד עסטרייכער ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל צוויבל שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**וואלף ב"ר ישראל שיף ני"ו**
לכבוד זיין שוועסטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל צוויבל שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אליעזר ב"ר יושע שלמה מערץ ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי דוד ווערטהיימער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**מנחם מענדל ב"ר יואל ווייסמאן ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי הערשל פעקעטע שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**שלמה זלמן ב"ר משה סטרולאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' פאגעל שליט"א און ר' שמואל ברוך קאהן שליט"א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**